Kaina 50 centų.
1940 m. Sausis-Vasaris

# FOLKSGEZUNT
# „LIAUDIES SVEIKATA"
# „Santé de Peuple"

Populariai-mokslinis iliustruotas mėnesinis žurnalas pašvęstas higienos ir medicinos reikalams

Printed in Lithuania

TURINYS:

Į mūsų draugus ir skaitytojus—Redakcija; Dr. H. LEIBZONAS—Prieš penkis metus...; H. MACAS—Dr. Geršonas Levinas; Dr. G. LEVINAS—Apsaugokite jūsų sveikatą; A. JOHANSAS—Žemės sporto higiena; Dr. L. FINKELŠTEINAS—„OZE" priekaisčiai žydų motinai; Prof D. ROSSI—Kaip apsisaugoti nuo gripės; Dr. G. GELMANAS—Kaip apsisaugoti nuo dėmėtos šiltinės? K. HERMANAS—Atbėgėliai (reportažas); Prof. L. ŠVARCAS—Apie nešvarumą ir švarumą; Dr. P. ŠMIDTAS—Kosulis; R. REFES—Ten, kur duodama pašalpa vargšams; Dr. A. REJEV—Karo dūjų istorija; Dr. M. DUBIANSKIS—Mūsų priešai—vabalai.

Redakcijos ir administracijos antraštė:
Vilnius, Ožeškienės g-vė № 7, p. d. № 69.

№ 1-2

אינהאַלט:

צו אונדזערע פריינט און לייענער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
מיט 5 יאָר צוריק... . . . . . . . . . . . . ד"ר ה. לייבזאָן
ד"ר גרשון לעווין . . . . . . . . . . . . . . הירש מאַץ
היט אָפּ אייער געזונט . . . . . . . . . . . . ד"ר ג. לעווין
היגיענע פון ווינטער-ספאָרט . . . . . . . . . . . א. יאָהאַנס
די טענות פון „אָזע" צו דער יידישער מוטער . . . . . . ד"ר ל. פינקעלשטיין
ווי פאַרהיט מען זיך פון גריפּע . . . . . . . . . . פּראָפ' ד. ראַסי
ווי פאַרהיט מען זיך פון פלעקטיפוס . . . . . . . . . ד"ר ג. געלמאַן
פליטים (רעפּאָרטאַזש) . . . . . . . . . . . . ק. הערמאַן
וועגן שמוץ און ריינקייט . . . . . . . . . . . פּראָפ' ל. שוואַרץ
דער הוסט . . . . . . . . . . . . . . . ד"ר פּ. שמידט
דאָרט, ווו מען גיט הילף דעם געפאַלענעם . . . . . . . ר. רעפעס
די געשיכטע פון די מלחמה-גאַזן . . . . . . . . . ד"ר א רעיעוו
אונדזערע שונאים — די אינסעקטן . . . . . . . . ד"ר מ. דוביאַנסקי
אַנאָנסן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אַבאָנאַמענטס-פּרייז:
א יאָר — 3 ליט;
א האַלב יאָר — 1.50 ליט;
אויסלאַנד—1 דאָלאַר א יאָר

רעדאַקטאָר ה. מאַץ. אַרויסגעבער: ד"ר ר. שאַבאַד-לעוואַנדע

אַנאָנסן-פּרייז: אין טעקסט 1 זייט — 300 ליט; נאָכן טעקסט 1 זייט 200 ליט

פאַרן אינהאַלט פון די מודעות איז די רעדאַקציע ניט פאַראַנטוואָרטלעך

Redaktorius: GIRŠA MACAS. Leidėjas: Dr. ŠABADAITĖ-LEVANDIENĖ
Š. Rindziunskio Spaustuvė, Vilnius, Didžioji g-vė 39, Telefono № 8-21.

ווי מיר זעען, באַשטייט די באַקעמפונג פון פלעקטיפוס אין ריינקייט פון די וועש, בגדים און קערפּער. דערצו איז נייטיק: 1) אָפּט זיך וואַשן און דער עיקר זיך באָדן. שולן, היגיעגישע געזעלשאַפטן (ווי, למשל, „טאָז") און פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן איינאָרדענען סיסטעמאַטישע בעדער פאַר קינדער און דערוואַקסענע. אָבער דאָס וואַשן און באָדן זיך איז נאָך ווייניק! מ'מוז דערצו איינאָרדענען דעזינסעקציע (אַנטלויזונג) פון וועש און בגדים, כדי נאָכן וואַשן זאָל מען קענען אָנטאָן ריינע וועש. מ'דאַרף אויך ניט קאַרגן קיין זייף; ס'איז אַלעמענס פליכט צו שאַפן פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג וואָס מער וועש און זייף.

צווייטנס איז וויכטיק איינצואָרדענען אַ צענטראַלע וועשעריי, מ'זאָל קענען דורכלאָזן וואָס מער וועש אין אַ שנעלן טעמפּ. דריטנס: סאַניטאַר-היגיענישע אויפזיכט פון דאָקטוירים און שוועסטער איבער קאָלעקטיווע אַנשטאַלטן, ווי שולן, אינטערנאַטן, וכדומה. די דאָזיקע אויפזיכט דאַרף זיין אַן אָפטע, גרינדלעכע אוןווירקעוודיקע, ד"ה ס'דאַרפן אָנגענומען ווערן מיטלען ריין צו מאַכן דעם לאָקאַל, בגדים, וועש, בעטגעוואַנט אאַז"וו. אין אַלע אַנשטאַלטן פון דעם מין דאַרף געפירט ווערן אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע פון ריינקייט, אַנטלויזונג און מ'דאַרף דיסציפּלינירן דעם עולם אין דעם פּרט. די דייטשן פלעגן ניט אַרויסגעבן קיין קאַרטלעך אויף ברויט, אויב מען האָט ניט צוגעשטעלט קיין אַנטלויזונג-צייגעניש. מ'מוז אומבאַדינגט זיך פאַראינטערעסירן מיטן פּראָבלעם פון פאַרהיטן פון פלעקטיפוס-עפּידעמיע, וואָס קען צו יעדער צייט אויפפלאַקערן. די געזעלשאַפט „טאָז" טוט אַ סך אין דעם פּרט, אָבער ס'איז זייער וויכטיק אויך די דיסציפּלין פון די ברייטע שיכטן און די הילף פון דער מער באַוווסטזיניקער און פאַרמעגלעכער באַפעלקערונג.

ק. הערמאַן

# פּליטים

(רעפּאָרטאַזש)

## 1. מלחמה 1939

דער קריגס-טייך האָט אויסגעגאָסן מיט אַ ריזיקער קראַפט. דעם 5טן און 6טן סעפּטעמבער האָבן טויזנטער און צענדליקער טויזנטער פאַרלאָזן זייערע הייזער און גענומען דעם וואַנדער-שטעקן אין האַנט. שפּעטער זיינען געקומען שטראָמען פאַרטריבענע, געיאָגטע און געפּלאָגטע, אָפּגעבריענטע, אויסגעוואָרצלטע, אויסגערויבטע ניט נאָר פון זייער האָב און גוטס, נאָר אויך פון צלם-אלקים...

אונטער אַ האָגל פון קוילן און פייער, איבער טויטע און פאַרוווּנדעטע, גיסט זיך די כוואַליע פון אומגליקלעכע און היימלאָזע.

ערשט נעכטן געהאַט אַ היים, אַן אַרבעטס-וואַרשטאַט, היינט — היימלאָז און פאַרלאָזן.

ייִדן און קריסטן, זרבעטער, אַרבעטענדיקע אינטעליגענץ, פאַרמעגלעכע — אַלץ איז איצט געוואָרן אויסגעגלייכט — אַלע לויפן, געפּייניקטע און פאַרפּייניקטע.

אַלע שאַסייען זיינען איבערפולט, אַלע וועגן פאַרגאָסן — עס יאָגט אַ כוואַליע, געטראָגן דורך אימה און טויט-שרעק.

פרעמדע ווערן זיך היימיש. איינער קלעפּט צום צווייטן. דער ייִדישער אינזשענער האָט זיך באַפריינדט מיטן פּוילישן פאַבריק-אַרבעטער, אַ ייִדישער שניידער — מיט אַ גרופּע יונגע פּוילישע סטודענטן. אַלץ איז איצט אַזוי איינפאַך, אַזוי מענטשלעך, אַזוי אויסגעגלייכט. אַלע זיינען זיך ברידער און אַלע זיינען היימיש אין דער דערוואַרטונג פון די טויזנטער פאָריערנדיקע סכנות.

בלוטיקט ווער, רייסט מען פון זיך דאָס העמד און מען באַנדאַזשירט די וווּנדן. פאַלט ווער, שלעפּט מען אים מיט זיך, אַבי ניט לאָזן אויף הפקר.

און די ערד ציטערט אין אירע יסודות, שטעט און דערפער ברענען. איין כוואַליע פאַרגיסט די צווייטע.

פון מזרח ביז מערב, פון צפון ביז דרום — אומעטום דאָס זעלבע, דער ים האָט אויסגעגאָסן און פאַרניכט אַלץ, וואָס אַרום.

נעכטיקע פאַבריק-דירעקטאָרן בעטן, צוזאַמען מיט זייערע אַרבעטער, אַ פּויעריש שטיקל ברויט — הונגער.

נעכטיקע הויז-אייגנטימער בעטן, צוזאַמען מיט זייערע לאָקאַטאָרן, אַ דאַך איבערן קאָפּ — זאָל זיין אַ פּויערישע סטאָדאָלע, זאָל זיין מיט די בהמות, אַבי אַ דאַך איבערן קאָפּ!

אַ פרוי האָט פאַרלאָרן איר מאַן, אַ מאַן זוכט אַרום אַ קינד, קינדער פרעגן זיך נאָך אויף די וועגן, צי ס'האָט ווער ניט געזען זייערע עלטערן. אַלץ איז אויסגעמישט, צעפלאָנטערט און פאַרלוירן.

אָט לויפט אַ פרוי אין בלויזן העמד, וואָס איז צוגעדעקט פון אויבן מיט אַ מאַנטל — אַנטלאָפן פון אַ ברענענדיקער שטוב.

לויפט אַ ראָוועריסט: פון פאָרנט אַ קינד און פון אונטן — אַ הינטל — דאָס גאַנצע פאַרמעגן, וואָס עס איז אים פאַרבליבן...

גרויל איבער גרויל, שוידער איבער שוידער — מלחמה 1939.

## 2. ווילנע

שלעפּן זיך איבער די גאַסן פון ווילנע פּליטים פון גאַנצן לאַנד. אַרבעטער פון וואַרשע, ישיבה-בחורים פון לובלין, סוחרים פון קאַטאָוויץ, אינזשעניערן, דאָקטוירים — מען שלעפּט זיך איבער די אַלטערטימלעכע ווילנער געסלעך און מען זוכט פאַר זיך אַ מקום-מנוחה.

אַ געלעגער...

אַ שטיקל ברויט...

אַ העמד...

אַ ביסל וואַרעמס...

די ערשטע טעג איז געווען איין גרויסער מישמאַש פון נויט און פּיין. ווער וועט זיך פאַרנעמען מיט די צענדליקער טויזנטער פּליטים? ווער וועט פאַר זיי זאָרגן? ווער וועט זיי זאָגן אַ טרייסטוואָרט?

ווילנע איז געווען פאַרנומען מיט אייגענע צרות, מיט אייגענע פּיין און ליידן. ווילנע האָט אָקערשט אַליין זיך געהאַט אָפּגעטרייסלט פון קריגס-קאָשמאַר, פון די דייטשע באָמבאַרדירערס, פון די פינצטערע נעכט און טויט-ברענגענדיקע טעג. אָפּגעשניטן פון דער וועלט, האָט ווילנע גענומען אונטער-הונגערן, און קיינער האָט אין יענע טעג ניט געהאַט קיין קאָפּ פאַר די פּליטים.

קיינער ניט? ניין, דאָס וואָלט געווען צו שטאַרק געזאָגט. זאָל דאָס אויף אייביק געזאָגט ווערן — „טאָז" איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך גענומען אינטערעסירן מיט די אָנקומענדיקע מענטשן-שטראָמען. ווען אַנדערע האָבן זיך סתם געטומלט און דערווייל געוואָלט פאַרטייַיש געניסן פון דער נויט, ווען אַנדערע האָבן פיל גערעדט און ווייניק געטאָן, איז

געקומען דער פאָרשטייער פון „טאָז" און דערקלערט קורץ און קלאָר:

— מיר האָבן אַ שוועסטער־שול מיט אַלע איינריכטונגען — זאָלן קומען די וואָגלענדיקע יידישע ליטעראַטן און פאַרנעמען דעם דאָזיקן לאָקאַל, זאָלן זיי זיך דאָ פילן, ווי ביי זיך אין דער היים, זאָלן די ליכטיקע צימערן פון אונדזער שוועסטער־שול זיי כאָטש אין דער מינדסטער מאָס פאַרטרעטן זייערע פאַרלאָזענע שטובן, זייערע אַרבעטס־צימערן, זייער היימישע סביבה.

ווען דער פאָרשטייער פון „טאָז", ה׳ הירש מאַך האָט פאָרגעשטעלט דעם דאָזיקן פּלאַן זייַנעם דער פאַרוואַלטונג פון דער וואַנדערנדיקער וואַרשעווער ליטעראַטן־משפחה, האָבן אַלע אויפגענומען די דאָזיקע איניציאַטיוו מיט דעם געפיל, אויף וועלכן ער האָט פאַרדינט — מיט אָנערקענונג.

און עס איז געוואָרן: דער „דזשאָינט" פון איין זייט און דער „טאָז" פין דער אַנדער זייט—איבער נאַכט איז אויסגעוואַקסן אויף סאַדאָווע 9 דער אַזיל פאַר די אָנגעזעענסטע יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן, וועלכע זייַנען געקומען קיין ווילנע. און אויב דאָרט ווערן באַשפּייזט און פאַרזאָרגט נישט בלויז וואַרשעווער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן, נאָר אויך ווילנער קרבנות פון דער מהומה און פון די פאָרגעקומענע ענדערונגען — אויך, פאַרשטייט זיך, ליטעראַטן און זשורנאַליסטן—איז דאָס מער ווי פאַרשטענדלעך און נאַטירלעך. דאָס איז דער צווייטער פאַרדינסט פון „טאָז"

נאָך סאַדאָווע 9 איז געקומען דער אינטערנאַט פאַר דער אינטעליגענץ און געזעלשאַפטלעכע טוער אויף קוויאַטאָווע 7, דער אינטערנאַט פאַר אינטעליגענץ אויף גרויס־פּאָהולאַנקע 17, די היים פאַר מוטער און קינד, די ברייט־פאַרמאָסטענע סאַניטאַר־היגיענישע אויפזיכט, די מעדיצינישע באַדינונג, די באָד, די צענטראַלע וועשעריי און — אַזוי ווייטער און ווייטער.

## 3. דער איבערגאַנג.

אין אַ זייטיק געסל, אין אַ זייטיק פאַרוואָרפענעם הויף, אויף קרומע און אויסגעקרומטע שטיגן — אַ בוידעם־שטיבל. דעם הויז־אייגנטימערס זון, אַ יונגער סטודענט, האָט אויסגעפּועלט ביי זיין פאָטער:

— זאָל דאָס בוידעם־שטיבל זיין פאַר פּליטים. ס׳שטייט דאָך סיי־ווי־סיי ליידיק.

— פאַר פּליטים־אינטעליגענטן!

די טאָכטער האָט צוגעהאָלפן:

— פּאַפּאַ, ווען דו זאָלסט זיי אָנקוקן: פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, אינזשענערן, ליטעראַטן.

און ס׳איז געבליבן:

— זאָלן זיי דאָרט וווינען, ביטע!

...אויפן בוידעם־שטיבל איז קרום פאַרבויגן דאָס פענצטער — אויסגעקרימט זיך פון עלטער. פּראָפעסאָר איקס קאָן זיך דאָ נישט אויסגלייכן — ער וועט דאָך נישט אויסשטופּן דעם באַלקן, זיצט ער אָדער גייט אַ געבויגענער אין דרייען...

— ווו זעצט מען זיך דאָ אַוועק?

ס׳שטייט אַ קאַסטן אין אַ זייט — זיצט מען אויף אים, ס׳שטייט אַ בענקל אויף דריי פיס, זיצט מען אויף אים. מען זיצט אויפן איין־און־איינציקן בעטל, מען זיצט ווו עס לאָזט זיך, אַ וויכטיקע זאַך — זיצן...

זעקס פּליטים וווינען אין דאָזיקן שטיבל. אַ דאָקטאָר פון וואַרשע, צוויי אינזשענערן פון טשענסטאָכאָוו, אַן אינזשענער פון קאַטאָוויץ, אַ פּראָפעסאָר פון קראָקע און אַ לערער.

אן אַלטער ביוראָ־טיש דינט דאָ צום עסן, די פענצטער זייַנען פאַרוואָרפן מיט זייף, צאָן־בערשטלעך, אַ שטיקל ברויט, אַ פּאַסיק, ראַזיר־אַפּאַראַטן — אַלץ איז דאָ צוזאַמען. די מעדיקער האָבן שוין פאַרלוירן דעם חשבון פון היגיענע. אויפן טיש שטייט אַ גרויסע שיסל מיט „קאַרטאָפל אין די מונדירן".

אַפילו ווען מען הונגערט ניט איז דאָס אויך אַן אויסגעצייכנטער מאכל!...

דער פּראָפעסאָר פון קראָקע שיילט די קאַרטאָפל און ווישט די פינגער אָן די הויזן...

דער וואַרשעווער דאָקטאָר איז פול מיט הומאָר:

— יוטראָ בענדזיע גאָזשעי...

און מיט אַ מאָל קומט איינער פון די 6 מיט אַ בשורה:

— „טאָז" עפנט אַ אינטערנאַט פאַר אינטעליגענץ.

אַ פּעסימיסט פון טשענסטאָכאָוו שלאָגט איבער:

— ווידער בעטן, ווידער ווי אין דער קהילה?...

דער געקומענער באַרויקט:

— אַלץ איז דערליידיקט! אין צוויי טעג אַרום גייען מיר אַריבער צום „טאָז" — אַלץ איז דערליידיקט.

דער אַפּעטיט צו די קאַרטאָפל הייבט זיך. דער עולם איז צופרידן און דער פאַרכמורעטער לערער מורמלט:

— אַ באָד, זאָלן זיי אונדז בעסער געבן אַ באָד!

דער געקומענער טרייסט אים:

— זעקס צימערן, אויסהאַלטונג, אַ ראַדיאָ, אַ באָד־צימער, אַ קלאָזעט — אָט אַזוי וועט אויסזען דער אינטערנאַט.

דער אַפּעטיט וואַקסט מיטן עסן. די קאַרטאָפל רוקן זיך אַרויס פון דער שיסל און דער עולם עסט מיט אַפּעטיט:

פולע אויסהאַלטונג?...

שלאָפן אין בעטן?...

אַ שטיקל זייף און אַ האַנטעך?...

אַ באָד־צימער?

אַ וואַסער־קלאָזעט?

— — — — — — — — — — — — — — —

## 4. שוידער

יאָ, אָבער וואָס איז מיט די איבעריקע פּלייטים? וואָס איז מיט די 6—7 טויזנט פּלייטים, וואָס געפינען זיך אונטער דער אַפּוטרופּסות פון פּלייטים־קאָמיטעט ביי דער קהילה?

אמת, אַ היפּשער פּראָצענט פון זיי דאַרף ניט אָנקומען צו קיין פּלייטים־הילף. מענטשלעך איז זייער לאַגע טאַקע די זעלבע, ווי די לאַגע פון יעדן פּליט: מען איז היימלאָז, מען איז עלנט, מען האָט פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט די נאָענטסטע און ליבסטע, וואָס שייך אָבער מאַטעריעלע מיטלען, האָט מען מיט זיך מיטגענומען גאַנץ גענוג...

אָבער אויסער זיי איז דאָך פאַראַן אָן אַ שיר־טויזנטער גאַנצע, הונגעריקע, אָפּגעריסענע—אָפּגעשליסענע, היימלאָזע און אויסגעהוילטע פון יעדן איינציקן גראָשן. וואָס איז מיט זיי?

האָט מען טאַקע געעפנט אסיפות, מען האָט געכאַפּט און פאַרכאַפּט בענקלעך און פאַרלייגט... אַ קאַנצעלאַריע.

מיר האָבן באַזוכט די אינטערנאַטן, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן דורך דעם פּלייטים־קאָמיטעט. ווי אַזוי זעט עס דאָרט אויס?

אויף פּאָהולאַנקע 14 — 6 צימערן און... 94 מענטשן. כמעט אַלע שלאָפן דאָ אויף דער פּאָדלאָגע. אַלץ איז צוזאַמען — פרויען, מענער, קינדער. שמוציק, קאַלט, איין קלאָזעט פאַר אַלעמען און — מען דאַרף אָנקוקן דעם דאָזיקן קלאָזעט. שלאָפן? מען שלאָפט אויף דער ערד!

פינסקער ישיבה־לייט זייַנען איינגעאָרדנט אין קלויז פון די פּועלים (דייטשע 6): ס׳ציט זיך דאָרט אַ לאַנגער, פינצטע־

רער קאָרידאָר מיט שטיגן, ווי אין הימל אַריַין, און אפילו וועגן קיין לעמפּל אַהער האָט קיינער נאָך ניט באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן.

ס׳ליגן דאָ 97 ישיבה־בחורים. מען שלאָפט אויף טישן און אויף בענק, מען איז שטיַיף פאַר קעלט. היגיענע? וועגן דעם זאָל דערציילן אַ סאַניטאַר־קאָמיסיע!

אויף סטראַשון־גאַס וווינען פּרויען, אויף סובאָטש ביז 450 פּערזאָן, אויף זאַוואַלנע 112, אויף זיגמונטאָווסקע 18 און כמעט אומעטום — שמוציק, פינצטער.

ווו איז דער פּליטים־קאָמיטעט ביַי דער קהילה?

ווו זיַינען די ביוראָ־טישלעך מיט זייער „טעטיקייט"?

אויף פּאָהולאַנקע 14 שטייען שוין וואָכן ספּעציעל אויסגעפאַרטיקטע בעטן, אָבער אַלע שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע. די בעטן קענען ניט באַנוצט ווערן — ניט פאַראַן קיין שטרויזעק, ניט פאַראַן קיין שטרוי...

## 5. מען טוליעט זיך

ס׳שריַיבט אַ „טאָז"־היגיעניסטין אין איינעם פון אירע באַריכטן:

„פאַראַן דאָ עטלעכע צענדליגג פונקטן, פּליטים־היימען אָדער באַשפּיַיזונג־פונקטן. די פּליטים־היימען טראָגן, אַזוי צו זאָגן, אַ רעגיאָנאַלן כאַראַקטער, אַ טייל אַ סאָציאַל־אידעאָלאָגישן מהות".

אין דער אמתן איז עס טאַקע טיילוויַיז אַזוי: פאַראַן דאָ היימען פון טשעכאָסלאָוואַקישע פּליטים, דאַן אַ ריי ישיבות, וואָס האַלטן זיך, פאַרשטייט זיך, צוזאַמען: ביאַליסטאָקער, גראָדנער, לובלינער, אָסטראָוו־מאַזאָוויעצקער, מעזריטשער, פּינסקער א"אַ. דאָס אַלץ זיַינען ישיבה־בחורים, וואָס זיַינען געלאָפן — טייל פון די דיַיטשן, טייל פון די באָלשעוויקעס.

די אינטערנאַטן, וואָס זיַינען פאַראַן דירעקט ביַי „טאָז", זיַינען היימען מיט פולער אויסהאַלטונג.

די ליטעראַטן פון סאַדאָווע 9 האָבן דאָ אַ ניַיע אויפלאַגע פון טלאָמאַצקע 13. די אידעאָלאָגישע חלוקי־דעות האָבן ניט אויפגעהערט, אָבער דעם מיטאָג עסט מען און פאַרברענגען פאַרברענגט מען ביַי אַ געמיינזאַמען טיש: דער ציוניסט י. מ. ניימאַן מיטן בונדיסט ב. שעפנער, דער פאָלקיסט נ ח פּרילוצקי מיטן סאָציאַליסט ח. ש. קאַזדאַן, דער אָרטאָדאָקס ד. פלינקער מיטן וועלטלעכן לאַזאַר קאַהאַן, דער רעליגיעזער ציוניסט ב. יאושזאָן מיטן פאַרביסענעם בונדיסט פּ. שוואַרץ.

אַלץ איז דאָ אויסגעגליַיכט: דער רעדאַקטאָר פון „טאָג־בלאַט" צוזאַמען מיט די רעדאַקטאָרן פון „היַינט", צוזאַמען מיט די קאָלעגן פון דער „פאָלקסציַיטונג" — די גאַנצע יידישע פּרעסע פון וואַרשע, מיטאַרבעטער פון די גרעסטע יידישע ציַיטונגען אין דער וועלט — אַלץ איז דאָ צוזאַמען. ווער עס וווינט פּריוואַט, באַקומט די באַשפּיַיזונג אין שטוב אַריַין. דאָס זעלבע אויף קוויאַטאָווע 7 און אויף פּאָהולאַנקע 17.

פונקט ווי די ליטעראַטן־היים טראָגט אַ קאָרפּאָראַטיוון כאַראַקטער, טראָגן טייל פּליטים־היימען אַ רעגיאָנאַלן און אָפטמאָל אַ סאָציאַל־אידעאָלאָגישן כאַראַקטער. לעבן די היימען פאַר ישיבה־בחורים, עקזיסטירן היימען פאַר אַרבעטער, חלוצים אאַז"וו. אויפן אַמעריקאַנער לשון וואָלט דאָס הייסן ברענטשן: אַ לובלינער ברענטש, אַ טשעכאָסלאָוואַקישער ברענטש, אַ בונדישער ברענטש אאַז"וו.

ס׳איז טאַקע גוט, וואָס אַלע טוליען זיך דאָ צו זיך. זיַין צוזאַמען מיט אַן אָרטיקן, אַ היימישן אָדער סאָציאַל־נאָענטן איז בעסער ווי זיַין אויסגעמישט, צווישן אַ סטאַדע אָנגעלאָפענע מענטשן אָן אַ פּנים, אָן געמיינזאַמע כאַראַקטער־שטריכן, אָן עגלעכע פאַראינטערעסירונגען.

## 6. צווישן פּליטים פון טשעכאָסלאָוואַקיי

איך בין אַוועק צו די „טשעכן".

אין אַ קריסטלעכער געגנט — אויף אוניווערסיטעט־גאַס 9 — אינעם האַרץ פון די אוניווערסיטעט־געביַידעס, פאַרוואָרפן ערגעץ ווו אין לאָקאַל פון אַ שול, שטעקן 104 טשעכאָסלאָוואַקישע פּליטים. טייל פון זיי לויפן שוין ווער צוויי מאָל, ווער דריַי מאָל. פאַראַן דאָ מענטשן, וואָס לויפן שוין דאָס פערטע מאָל.

— דאָס ערשטע מאָל — זאָגט איינער פון זיי — זיַינען מיר געלאָפן פונעם סודעטן־געביט און פון די טיילן פונעם פאַרנומענעם אונגאַרן קיין פּראָג, שפּעטער פון פּראָג — קיין קראָקע, פון דאָ קיין לעמבערג און דאַן — פון לעמבערג קיין ווילנע.

דאָ צווישן די טשעכישע פּליטים איז היימלעך. זיי לאָזן ניט צו צו זיך קיין אומעט:

— הלמאַי אַריַינטראַכטן?...

און גוט איז טאַקע, וואָס זיי דערלאָזן ניט צו זיך קיין אומעט. ווען זיי זאָלן כסדר אַריַינטראַכטן, וואָלט ערגער געווען.

פון דעסט וועגן:

— ווען איר זאָלט קענען קאָנטראָלירן די מיט טרערן אויסגעווייקטע קישנס...

ער שמייכלט ביַי דעם וואָרט „קישנס".

104 פּליטים געניסן פון דער דאָזיקער היים. טייל עסן נאָר מיטאָגן, טייל האַלטן זיך דאָ אויס אין גאַנצן. ס׳שלאָפן דאָ 47. פאַראַן אָבער נאָר.. 23 געלעגערס, דערין בלויז עטלעכע בעטן און קוים 21 קאָצן.

— עסן? — און מען פירט מיך אַריַין אין אַ צימער. אַ מאָל איז דאָ געווען אַ קלאַס. היַינט — אַן „עס־צימער". אין אַ גרויסן צימער שטייען צונויפגעשטעלט שול־בענק. ביַים זעצן זיך צום טיש דאַרפן די פּליטים זיך אַריַינפּאַסן אין די קינדער־בענק, כדי צו קענען זיך אַוועקזעצן. דער טעלער קען ניט איַינשטיין — קרומע שול־בענק! האַלט מען אונטער די טעלערס מיט די הענט און... מען עסט.

90 פּראָצענט פון די „טשעכן" באַשטייען פון אינטעליגענץ: 12 אינזשענערן, 9 אַדוואָקאַטן, 4 מעדיקער, 3 זשורנאַליסטן — ס"ה 85 מענער און 19 פרויען, צווישן זיי — 4 אונטער 16 יאָר.

אין די צימערן איז שמוציק. די טשעכן טיַיטשן אויס:

— ניטאָ מיט וואָס אויסצוקערן, ניט פאַראַן מיט וואָס אַ פּאָדלאָגע צו וואַשן, ניטאָ קיין שפּיַי־קעסטלעך, קיין הענגער אויף אַ מלבוש.

אין קליינע צימערן, ווו עס וווינען צו עטלעכע פאַמיליעס, זיַינען פאַרהאַנגען שטריק איבער די איַינגעבראָכענע בעטלעך און פונאַנדערגעלייגטע שעניקעס.

— אין די קיך־כלים וואַשן מיר וועש — קלערט אויף דאָקטאָר ל. — די פרוי, וואָס זיצט דאָ אויף אַ בעטל, לייענט איצט אַ בוך. זי פאַרמאַכט עס און איך באַמערק — טאָמאַס מאַן...

איך פרעג ביַי איינעם:

— האָט איר שוין וואָס באַקומען אויף צו באַקליידן זיך?—

דער ענטפער איז אַ אירײאָנישער:

— יאָ, מיר האָבן באַקומען אַ צוזאָג: אויף 104 מענטשן 13 שטיקלעך וועש.

— און די וועש? — פרעג איך.

— יאָ, דאָס מיינען מיר דאָך, די וועש? — אויף איר האָבן מיר טאַקע אַ צוזאָג... אָבער זעלטן־ווער עס וויַיזט זיך צו אונדז, דער איינציקער, וואָס קומט צו אונדז אַהער איז דער „טאָז".

— העלפט ער אײַך אין עפּעס?

— יאָ, דאָס איינציקע געפיל פון אויפריכטיקער מענטשלעכקייט, וואָס קומט דאָ צו אונדז, איז דער „טאָז". מיט זײַן הילף וואַשן מיר וועש, דורך זיי באַקומען מיר בעדער, אַ שטיקל זייף אַ דאָקטאָר, רפואות און דאָס גלײַכן.

— וווּנדערט זיך ניט, ליבער פרײַנט, — רופט זיך אָפּ עמעץ לעבן מיר – זייף איז אַ פּראָבלעם פאַר אונדז. זאָל זײַן אַ שטיקל ברויט ווייניקער, אַבי דאָס העמד זאָל זײַן ריין, די האַנט אָן אָפּגעוואַשענע...

## 7. אין ווייטערדיקן „שפּאַציר"

פון די 127 פּינסקער ישיבה=בחורים, וואָס געפינען זיך אויף דײַטשע 6, ווּינען 97 אין אַ לאַנגן גרויסן צימער, וואָס איבערן קלויז. די געלעגערס זײַנען אויף בענק, אויף טישן. די ישיבה=בחורים האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פּערענעס, גרויסע קישנס. דער צימער איז פול מיט שטויב, מיט פעדערן פון צעריסענעם בעטגעוואַנט אָן איבערצוג, מיט צונויפגעלייגטע שעניקעס, קוישלעך, קעסטלעך — אַ שרעקלעכער הקדש, וועלכן מען מוז גרינטלעך דעזינפיצירן.

— הלמאַי איז דאָ אַלץ אין אַזאַ אומאָרדענונג, הלמאַי איז דאָ אַזוי שמוציק?

דער פירער טײַטשט אויס:

— ביז איצט איז געווען נאָך ערגער, ווײַל די ישיבה=בחורים האָבן זיך ניט פאַרשטאַנען דערויף. הײַנט איז שוין גאָלד. אָט קומט מען דאָ פון „טאָז" און מען טיילט קוויטלעך אויף בעדער, אָט קומט אַ גרופּע מיידלעך פון „טאָז" און זיי וואַשן און שײַערן אַלץ אַרום, אָט באַקומט יעדער אַ שטיקל זייף — הײַנט איז גאָלד! וואָלט איר געווען מיט אַ וואָך צוריק...

ווידער אַ מאָל פּאָהולאַנקע 14. דאָרט איז נאָך ערגער: מען שטייט אין אַ ריי, כּדי זיך אַרײַנצובאַקומען אין קלאָזעט די צימערן זײַנען גרויס און ס'איז ניט פאַראַן ווו זיך אַהינצוטאָן. 94 מענטשן — עס פעלט אויס פּאָדלאָגעס אויף צו שלאָפן געווען דאָ איבער הונדערט. אָט האָט ווער פאַרכאַפּט עפּעס אַ ברעט פון אַ פּינג=פּאָנג און פאַרוואַנדלט עס אין... אַ בעט. ס'שלאָפן דאָ 6 מענטשן: אַ קראַנקע פרוי ליגט דאָ צוזאַמען מיט איר 63יאָריקן מאַן, וואָס שלאָפט אין די הויזן, ווײַל ס'איז אים קאַלט, און לעבן זיי — נאָך 4 פּערזאָן, אַ גאַנצע משפּחה...

אין אַ זײַט אין ווינקל „ווּינען" צוויי עלטערע מענטשן— אַ פּאָרפאָלק. ער – אַ געל יידעלע, זיצט אַריבערגעבויגן איבער זײַן „עסצימער"— דאָס קוישל, וואָס ער האָט מיט זיך געשלעפּט הונדערטער קילאָמעטער. ער זיצט האַרט איבערן קוישל, ווי ער וואָלט זיך באַהאַלטן מיט זײַן רחבות; ער זיצט און שנײַדט זיך אין מויל אַרײַן אַ שטיקל נאָך אַ שטיקל שוואַרץ ברויט, באַשמירט מיט עפּעס אַ שמירעכץ. די פרוי, אַ יידענע מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ, פאַרלאַטעט אַ העמד.

— באַקומען אַ שטיקל פאָדעם, ווייל איך אים אויסלאַטן ס'העמד.

## 8. היגיענע

די קהילה האָט ענדלעך באַוויליקט:

— ביטע, זאָל דער „טאָז" נעמען אויף זיך די היגיענע.

און „טאָז" האָט עס גענומען.

הונדערטער און הונדערטער פּליטים קומען נאָך מעדיצינישער הילף:

— אַ דאָקטאָר.

— קראַנקע ציין.

אַ פוס...

— וואָס טוט מען מיטן קינד?

טובערקולאָז=קראַנקע ווערן גענומען אונטער דער אויפזיכט פון טובערקולאָז=דיספּאַנסער. קינדער וואָס קענען ניט ווּינען בײַ זייערע עלטערן=פּליטים, ווערן איבערגעשיקט אין אַ זויג=היים. קראַנקע, וואָס נייטיקן זיך אין קלינישער קוראַציע, ווערן אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל. די אַמבולאַטאָריע פון „טאָז" (זשעליגאָווסקי=גאַס 1) איז אַ קליינע קראַנקן=קאַסע פאַר פּליטים.

די „טאָז"=אַפּטייק רוט ניט — זי ליווערט רפואות. אויך דאָס אויסוואַשן די וועש האָט שוין אויף זיך איבערגענומען דער „טאָז". דאַן: טאַלאָנען אויף צו באָדן זיך, טאַלאָנען אויף ראַזירן, שערן אאַז"וו.

הײַנט=צו=טאָג געפינען זיך אונטער סאַניטאַר=היגיענישער און מעדיצינישער אויפזיכט פון „טאָז" 26 אינטערנאַטן און באַשפּײַזונג=פּונקטן. די „פּונקטן" זײַנען פאַרטיילט אויף ראַיאָנען. די ראַיאָנען ווערן צוגעהיט דורך פּאַכלײַט. דערציילן זיי טאַקע:

— אַלץ וואָס מיר טוען — זאָגט צו מיר איינע פון די „טאָז"היגיעניסטינס – איז אַ טראָפּן אין ים.

אָט באַקום איך אין האַנט ציפערן:

אין 16 פּונקטן מיט 1.451 פּלייטים פעלן 1.030 בעטן, 1.072 שטרויזעק, 945 קישענס און 604 קאָלדרעס.

מען קלערט מיר אויף: די 16 פּונקטן נייטיקן זיך מינימום אין 1.281 לייִלעכער, אין 1.267 האַנטעכער, עס פעלן טעלער, לעפל, ניטאָ קיין מיסט=קעסטלעך, קיין שפּײַ=קעסטלעך.

— ווי קאָן דאָ אײַנגעהאַלטן ווערן היגיענע?!

— וואָכן זאָגט מען צו שטרוי=זעק און בערשט. און זיי ווערן ניט באַשאַפן, מיר באַקומען זיי ניט. האָבן מיר אַרויסגעלאָזן בריגאַדעס — מען קומט מיט עמערס, מיט אייגענע בערשט, מען וואַשט, מען שײַערט, מען לופטערט — וואָס=זשע ווײַטער?...

וועגן דעם „ווײַטער" מוז זאָרגן דער „טאָז". ער מוז אַרויסבאַקומען מיטלען פון אונטער דער ערד, ווײַל מען מוז אָפּהיטן די פּלייטים פון קראַנקייטן און שמוץ — צו וואָס שמוץ פירט, דאַרף מען דעם „טאָז" ניט אויפקלערן!

ווילנע, נאָוועמבער 1939

פּראָפ. ל. שוואַרץ

# וועגן שמוץ און ריינקייט

פון וואַנען קומט שמוץ? די לופט, וואָס מיר אָטעמען אײַן, דאָס וואַסער וואָס מיר נוצן, קענען זײַן פול מיט שמוץ. אויך אין אונדזערע ווינוגען, אויף אונדזערע בגדים קען זײַן מער אָדער ווייניקער שמוץ. אונדזער קערפּער גופא גיט פון זיך אַרויס שמוץ און איז אַרומגערינגלט מיט שמוץ. דער דאָזיקער שמוץ קען שטאַמען פון מענטשן, חיות, פון די עסנס, פון די קוימענס, פון די אָפּפאַלן פון די הײַזער, פון די פאַבריקן, פון די בלומען, פון די בלעטער פון דיביימער אאַז"וו.

די ריינסטע לופט געפינט זיך אויף די הויכע בערג און בײַם ים. די לופט אין די שטעט איז זעלטן ריין, סײַדן נאָך אַ גרויסן רעגן; געוויינלעך איז זי פול מיט רויך און מיט שטויב. מיט יעטווידער אָטעם אָטעמען מיר אײַן קליינע טיילכעלעך שמוץ, בעת די לופט, וואָס מיר אָטעמען אַרויס, איז פרײַ פון שטויב. באַזונדערס געפערלעך איז דער שטויב פון געוויסע געוועבן. ער רייצט די שליימהויט, איז אָפט גיפטיק און אַנטהאַלט ניט זעלטן פאַרטראָגער פון קראַנקייטן.